

(פון לינקס צו רעכטס) ר׳ יוסף לייב פראמאוויטש, ר׳בערל שטיין, ר׳ מרדכי איידעלשטיין,
ר׳ ירוחם פייערווערגער שו״ב, ר׳ שמואל גרובער, ר׳ אלי׳ קאסנער

די שיינע פארגאנגענהייט פון מארמאראש סופר, אליעזר פנחס עמוד מס: 279 הודפס ע"י אוצר החכמה
הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה

ווי ר׳ זונדל איינהורן ע״ה פון ווילחוביץ, ר׳ חיים מרדכי פרוכטער ע״ה פון יועד, ר׳ ישראל קליין ע״ה פון ריזוואליה.

אין מאסיף איז געווען דריי שוהלן: די גרויסע שוהל; די גרובער׳ס שוהל; און די אויבערשטע שוהל. די אויבערשטע שוהל, האבן געבויעט די דאָרטיגע אַרבייטער, אידן וואס האבן געבויעט מיט זייערע אייגענע הענט. דער נגיד, ר׳ אברהם קינד ע״ה, האט אסאַך בייגעשטייערט צו בויען די שוהל. ר׳ אברהם איז געווען א גרויסער מכניס אורח.

אין מאסיף, האבן עקזעסטירט די פאָלגענדע חברות: ״חברה ש״ס״, ״חברה משניות״, ״חברה קדישא״, ״חברה קברנים״, ״חברה פועלי צדק״, ״תפארת בחורים״.

די בחורים פלעגן, בדרך כלל, פאָרן לערנען, אין די ישיבות אין אונגארן, בפרט, בעפאָר די ערשטע וועלט מלחמה, ווען מארמאראש האט באַלאַנגט צו עסטרייך - אונגארן.

אין יאר תרס״ט, ווען די וויזניצער ישיבה, איז געגרינדעט געווארן, דורכן ״אהבת ישראל׳ס זון, הג״ר מענדל זצ״ל, זענען די וויזניצער בחורים בעלי יכולת, געפאָרן לערנען אויף בוקווינה, אין די וויזניצער ישיבה.

די פאָלגענדע בחורים, האבן געלערנט אין וויזניצער ישיבה, פאר די ערשטע וועלט מלחמה: ר׳ יחזקאל ווידמאן, ר׳ אלי׳ ב״ר שמחה יוסף פאלאק, ר׳ אלתר שמרי׳ ב״ר אברהם יוסף לאקס, ר׳ אפרים ב״ר אברהם גאלד, ר׳ אלתר וואלף ב״ר יצחק לייב פייערווערקער (ר׳ אלתר וואלף איז געווען א איידעם ביי הג״ר שלמה ברוך שמאלהויזן ע״ה, רב דחברת תהילים אין בודא-פעסט). די בחורים וואס האבן געלערנט אין די וויזניצער ישיבה, זענען אהיים געקומען אָנגעטון אינעם חסידישן טראַכט, און אָנגעפילט מיט א שיינעם באַגאַזש פון תורה און יראת שמים. עטליכע בחורים, האבן אפילו באקומען ״התרת הוראה״.

הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
די שיינע פאַרגאַנגענהייט פון מאַרמאַראָש סופר, אליעזר פנחס עמוד מס: 280 הודפס ע״י אוצר החכמה